**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/2/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פרעצעדענטלאזע סעטלמענט אפמאך צווישן די NYS לעיבאר דעפארטמענט און UBER**

***אונטער די אפמאך וועט Uber מאכן טראנספארמאטיווע אינוועסטירונג אין ניו יארק'ס אַנעמפלאָימענט אינשורענס טראָסט קאסע צו דעקן פארגאנגענע און צוקונפטיגע בענעפיטן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט א פרעצעדענטלאזע סעטלמענט אפמאך צווישן די ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט ( New York New York State Department of Labor, NYSDOL) און Uber Technologies Inc., וואס שליכטעט פארגאנגענע און צוקונפטיגע אַנעמפלאָימענט (ארבעטסלאזיגקייט) אינשורענס (unemployment insurance, UI) ביישטייערונגען פאר Uber און Uber Eats דרייווערס און דעליווערי ארבייטער. Uber וועט אריינלייגן געלט איינמאל פאר יעדע פערטל יאר אין די ניו יארק סטעיט אַנעמפלאָימענט אינשורענס טראָסט קאסע, און זיי וועלן באצאלן למפרע פאר דאס וואס זיי זענען שולדיג פאר די UI טראָסט קאסע זינט 2013. ניו יארק איז די ערשטע סטעיט אין דאס לאנד מיט וועלכע Uber האט מסכים געווען צו א סעטלמענט וואס אדרעסירט סיי פארגאנגענע און סיי צוקונפטיגע אַנעמפלאָימענט אינשורענס חובות.

"די פרעצעדענטלאזע סעטלמענט מיט Uber שיקט א מאכטפולע מעסעדזש צו ארבעטנדע מענטשן: ניו יארק איז אויף אייער זייט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיין אדמיניסטראציע איז פארפליכטעט זיך צו אויפשטעלן פאר ארבייטער און זיכער מאכן אז זיי באקומען די געהאלט און בענעפיטן וואס קומען זיך זיי. דאס איז די סיבה פארוואס אונזער לעיבאר דעפארטמענט האט געארבעט אזוי אגרעסיוו צו ערפאלגרייך פארזיכערן א יושר'דיגע סעטלמענט פאר די טובה פון די מענטשן פון ניו יארק."

ארבעטסגעבער לייגן אריין געלט אין די סטעיט'ס UI טראָסט קאסע יעדע פערטל יאר, און די קאסע צאלט אויס בענעפיטן וואס ווערן געגעבן פאר ארבעטסלאזע ארבייטער. די NYSDOL איז בשיטה אז Uber דרייווערס און דעליווערי ארבייטער זענען ארבייטער ווען עס קומט צו אַנעמפלאָימענט אינשורענס; און Uber טענה'ט אז זיי זענען זעלבסטשטענדיגע קאנטראקטארס. אפגעזעהן פון וועלכע ווערטער עס ווערן גענוצט צו באשרייבן די סארט ארבעט, זענען די NYSDOL און Uber מסכים אז דרייווערס און דעליווערי ארבייטער וועלכע זענען בארעכטיגט פאר אַנעמפלאָימענט בענעפיטן דארפן דאס באקומען, און Uber דארף דערפאר ביישטייערן צו די סטעיט'ס UI טראָסט קאסע צו דעקן די ארבייטער.

**ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט קאמישאנער ראבערטאָ ריערדאן האט געזאגט,** "באשיצן ארבייטער איז א הויפט פריאריטעט, און Uber דרייווערס און דעליווערי ארבייטער קומען זיך צו באקומען אַנעמפלאָימענט בענעפיטן ווען זיי זענען בארעכטיגט, און דאס איז די סיבה פארוואס מיר האבן געקעמפט פאר די סעטלמענט. איך אפלאדיר Uber פארן ארבעטן מיט אונז צו זיכער מאכן אז זייערע דרייווערס זענען באשיצט בשעת'ן אויך טוהן זייער חלק צו היטן אויף ניו יארק'ס אַנעמפלאָימענט אינשורענס טראָסט קאסע."

**סיניאר וויצע פרעזידענט און טשיעף לעגאלער אפיסער פון Uber Technologies, Inc., טאָוני וועסט, האט געזאגט,** "צוליב די פאראויס-קוקנדע פירערשאפט אין ניו יארק סטעיט איז Uber אריין אין א שותפות מיט די NYSDOL אין א לאנד'ס-ערשטע אפמאך וואס וועט זיכער מאכן אז דרייווערס זעצן פאר צו געניסן פון די זעלבסטשטענדיגקייט און בויגזאמקייט וואס זיי האלטן טייער בשעת'ן האבן צוטריט צו וויכטיגע באשיצונג מאסנאמען."

נאך איינצלהייטן, אריינרעכנענדיג די סך הכל סומע אין דאלארן פון די סעטלמענט, קענען נישט פארעפנטליכט ווערן צוליב פעדעראלע און סטעיט געזעצן און רעגולאציעס וועלכע באגרעניצן דאס ארויסגעבן געהיימע אָנעמפלאָימענט אינשורענס אינפארמאציע, אריינרעכנענדיג איינצלהייטן איבער אן ארבעטסגעבער'ס אָנעמפלאָימענט אינשורענס אקאונט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן